**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................8:06

מוצאי שב"ק....................9:37

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.....................יחזקאל כ"ו-כ"ז

בבלי.......................שבועות ל"ז

ירושלמי................יבמות ס"ו

תוספתא...............בבא קמא י'

רמב"ם....רוצח ושמירת הנפש ד'


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נשא, י"א סיון, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק א'

שנה 14, גליון 37 (705)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה) יְבָרֶכְךָ ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג), וְיִשְׁמְרֶךָ, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִּיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ח), בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָּה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִּיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִּיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָּה פוּן כַּעַס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רַאטֶעוֶועןפוּן וֶוערְן בְּכַעַס, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיז אַ סִימָן עֶס פֶעלְט דִי אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קה:): "הַמְּקָרֵעַ בְּגָדָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶערַייסְט זַיינֶע קְלֵיידֶער פוּן כַּעַס, "וְהַמְשַׁבֵּר כֵּלָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶעבְּרֶעכְט זַיינֶע כֵּלִים פוּן כַּעַס, "וְהַמְפַזֵּר מָעוֹתָיו בַּחֲמָתוֹ", אוּן וֶוער עֶס וַוארְפְט אַוֶועק זַיין גֶעלְט פוּן כַּעַס, "יִהְיֶה בְּעֵינֶיךָ כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", - אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט בְּכַעַס וַוייזְט עֶר אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶר גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם בֵּייגֶעלֵייגְטְן תְּפִילָּה; נִישְׁט אֵיינְמָאל אַ טָאג נָאר אַפָּאר מָאל אַ טָאג זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן כַּעַס, וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם נִסָּיוֹן:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אוּן הִיט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ קַיין כַּעַס, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶוער חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶערֶעגְט זָאל אִיךְ נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כַּעַס אוֹיף רַחֲמָנוּת, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן זָאל אִיךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶעמֶען; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן: "וְלֹא יִהְיֶה בִּי אֵל זָר, וְלֹא אֶשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר", וָואס וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם וַוייל עֶס אִיז כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דוּ וֵוייסְט דָאךְ וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס וַוייל וִוי נָאר עֶס הֵייבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין מִיר דִי כַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט וֶוערְן מֶער בְּכַעַס, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".**

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג' - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשע"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְ'הֶערְט מִיךְ אוֹיס?

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַּעַת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַלֶע קְרֶעכְצְן אִין דִי אִיצְטִיגֶע טֶעג אוֹיף פַּרְנָסָה, אַלֶע וֵויינֶען 'וָואס וֶועט דָא זַיין? דִי פַּרְנָסָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער' וְכוּ' וְכוּ'.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶע טֶעג אוּן אַלֶע צַייטְן שְׁרֵייט מֶען אַמָאל אִיז גֶעוֶוען גוּט, אַמָאל הָאט מֶען גֶעקֶענְט מַאכְן גֶעלְט, אַמָאל הָאט מֶען גֶעקֶענְט קוֹיפְן אוּן פַארְדִינֶען, אוּן אוֹיךְ אִין אַפָּאר יָאר וֶועט מֶען וֵויינֶען אַז אַמָאל – דָאס מֵיינְט מֶען הַיינְט – אִיז גֶעוֶוען גוּטֶע צַייטְן, מֶען הָאט פַארְדִינְט וְכוּ' וְכוּ'.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פָּשׁוּטֶ'ע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֶר: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל, זַיי מִיר מוֹחֵל אוּן גֶעבּ מִיר שֶׁפַע".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הֵייסְט דָאס גֶעלֶערְנְט ?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לפ"ק

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אוּן שְׁנֶעל, נִישְׁט קְוֶועטְשְׁן נִישְׁט שְׁטֵיין בְּלַייבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אוּן צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ (כִּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה נַיין מָאל אוּן אוֹיךְ הָאסְטוּ אַ שִׁיעוּר אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי, הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶּכֶת עֵירוּבִין; וֶוער עֶס אִיז טוֹעֵם דִי טַעַם פוּן רֶבִּינְ'ס וֶועג צוּ לֶערְנֶען - וֶוערְט אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, מֶען וִויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען וִויל נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ הָאסְט מֶער גֶעפִיל אִינֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד וִוי אִין דִי שִׁיעוּרִים בֵּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע מַגִידֵי שִׁיעוּרִים אוּן מַשְׁגִיחִים, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מִתְחַצֵּף זַיין, אַזוֹי וֶועט מֶען דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן, מֶען וֶועט דִיךְ לָאזְן גֵיין דַיין וֶועג אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען אוֹיף דִי זִיסֶע וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיין צוּ גֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם, וַוייל דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן אַרַיין אִין וִיכּוּחִים, מֶען טַעֲנָה'ט 'אִיז דָאס יָא לֶערְנֶען, אִיז דָאס נִישְׁט לֶערְנֶען' - לָאזְן אָפּ דִי הֵיילִיגֶע וֶועג, אוּן אַז מֶען לָאזְט אָפּ דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שְׁמִירָה קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. וָואס בְּאָזְנַי שָׁמַעְתִּי, וֶוען אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף לַ"ג בָּעוֹמֶר פוּן טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אַמָאל גֶעהַאט אַ גֶעפִיל אִינֶעם דֶרֶךְ הַלִימּוּד, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁמִירָה, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט לֵיצָנוּת הָאבְּן זֵיי דָאס אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן נֶעבֶעךְ נֶעבֶעךְ אִין וָואס פַאר אַ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת זֵיי זֶענֶען גֶעפַאלְן, פוּנְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס חֲסִידִי'שֶׁע בָּחוּרִים מִיט חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס זֵיי טוּעֶן רַחֲמָנָא לִצְלָן, עַל כֵּן זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם מִתְוַכֵּחַ זַיין. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט שׁוֹין אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד' וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד'. 'טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'' - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען וִוי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד' וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר פַארְוָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נָאר צוּ טוּן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען מַמָּשׁ 'תּוֹרָה לִשְׁמָהּ' מֶען לֶערְנְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן, צוּ הֵייסְן אַ רָב, אַ לַמְדָן, אַ צַדִיק אָדֶער אַ בַּעַל מְקוּבָּל, מֶען לֶערְנְט נָאר פָּשׁוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר פָאלְגְן מִיט דֶעם וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ה)



אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז דוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחֲנִיוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְתָּם וִויל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִי אוּן פְלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סֵיי וִוי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סֵיי וִוי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג וִויפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

## אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב סִימָן צ"ו) אַז עֶר וִויל אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן, טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען טוּן וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דוּרְכְ'ן טָאג, נָאר וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטְס, אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג, סֵיי וָואס מֶען טוּט, זָאל מֶען טוּן נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין דֶערְמִיט. בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת?

מֶען זֶעט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֵר אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה", וֶועט אִים דֶער חַבֵר זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה", אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען סְתָּם אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה. דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימּוּד פַאר אוּנְז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלַל, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָבֶּער אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וָואס מֶען טוּט, דַאן פוּן דִי קוּרְצֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא אוּן דָארְט, וֶועט זִיךְ צוּזַאם קְלַייבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אַ שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ מֶער, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת

אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיוּת, אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער. וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיין, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וַוייל וואוּ עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר אִיז, וֶועט עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְחַרֵט אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ב וח"ד עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קוּמְט אָן קַיין בְּרָאד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דָארְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן עֶר גֵייט אַרוּם אִין הַייזֶער פוּן שְׁטָאט.**

**תשג**

צְווִישְׁן דִי הַייזֶער וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִיז גֶעוֶוען אֵיין הוֹיז וָואס דִי טִיר אִיז גֶעוֶוען דָארְט אָפְן, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִינֶעם עֶרְשְׁטְן צִימֶער אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין צְוֵוייטְן צִימֶער אוּן אוֹיךְ דָארְט אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוֶוען, בִּיז עֶר אִיז אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע צִימֶער אוּן גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ מַאן אוּן אַ פְרוֹי זִיצְן אוּן שְׁפִּילְן שַׁאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטַארְק גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אִיד, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס פוּן הוֹיז אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין שְׁנֶעל פוּן דָארְט.

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי אִיז אָבֶער גֶעלָאפְן שְׁנֶעלֶער פוּן אִים, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם עֶק שְׁטָאט, דָארְט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעכַאפְּט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים אַ לֶענְגֶערֶע וַוייל.

ר' שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט, "וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶעזֶען וִוי צְוֵוי רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן רִינֶען פוּן זַיינֶע אוֹיגְן".

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז וַוייטֶער אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אִין נָאךְ אַסַאךְ הַייזֶער.

**תשד**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ הוֹיז, עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעסְן אַ פְרוֹי מִיט אִיר טָאכְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן שִׁידוּכִים, אוּן וִוי נָאר דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אִין הוֹיז, הָאט דִי טָאכְטֶער זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי מַאמֶע, "אָט אַזַא אִינְגֶערְמַאן וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט".

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס וֶועל אִיךְ טְרַאכְטְן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס מֶען טְרַאכְט, סְפֶּעצִיעֶל אַ חָתָן וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי חוּפָּה.

לֵיידֶער בִּין אִיךְ אַסַאךְ נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין קוּקְן שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז פּוּנְקְט אִין דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, וֶוען אִיךְ דַארְף זִיךְ נָאךְ מֶער הִיטְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, וֶועלְן זִיךְ דַוְקָא דֶעמָאלְט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי יוֹם הַחוּפָּה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְחִילַת עֲווֹנוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רָאפְּשִׁיצֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (קוּנְטְרֵס יוֹם הַנִּישׂוּאִין, סִימָן א), יוֹם הַחוּפָּה אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, חָתָן כַּלָּה וָואלְטְן גֶעקֶענְט אוֹיסְבֶּעטְן גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶעמֶען, נָאר אַ שָׁאד מֶען הָאט דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דַיין עָבַר טָאג אוּן נַאכְט, אֵיין מָאל אַ טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט וָואס דוּ טוּסְט תְּשׁוּבָה, אוּן אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ; זִיכֶער יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ גֵייסְט מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה - זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען; מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה; דָאס הֵייסְט, אַז אַ חָתָן דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

אוּנְטֶער דִי חוּפָּה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן - אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רלג): "הַכְּלָל שֶׁאִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּפַעַם אֶחָד", עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ מֶען זָאל טְרַאכְטְן צְוֵוי מַחְשָׁבוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, "עַל כֵּן בְּקַל יְכוֹלִין לְגָרֵשׁ מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת רַק בְּשֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה, דְּהַיְנוּ שֶׁלֹּא לַחֲשֹׁב אוֹתוֹ הַמַּחֲשָׁבָה, רַק לַחֲשֹׁב אֵיזֶה מַחֲשָׁבָה אַחֶרֶת בְּתוֹרָה אוֹ עֲבוֹדָה, אוֹ אֲפִלּוּ מַשָּׂא וּמַתָּן, כִּי אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּשׁוּם אֹפֶן", מִמֵּילָא אִיז זֵייעֶר גְרִינְג נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, מֶען טְרַאכְט פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה אָדֶער אֲפִילוּ פוּן בִּיזְנֶעס, אַזוֹי גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ה)

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִינֶעם אִינֶעוֶוייִנִיגְסְטְן צִימֶער, דָארְט אִיז גֶעזֶעסְן דֶער טַאטֶע, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יְחֶזְקֵאל טְרַאכְטִינְבֶּערְג, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי"ן, "פוּן וואו זֶענְט אִיר?", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "פוּן בְּרֶסְלֶב", עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וְוי בְּרֶסְלֶב אִיז, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז נָאנְט צוּ טוּלְטְשִׁין, אוּן דָאס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט פוּן טוּלְטְשִׁין.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, עֶר וִויל נֶעמֶען זַיין טָאכְטֶער, אוּן עֶר זָאגְט אִיר צוּ פַאר כְּתוּבָּה אַ סוּמֶע פוּן דְרַיי הוּנְדֶערְט רֶענְדְלֶעךְ.

ר' יְחֶזְקֵאל הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ צוּגֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט פַאר נַדַן, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ.

דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶערֶעדְט מִיט דִי טָאכְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אִיר וְכוּ' אוּן זִי הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז דִי חֲתוּנָה זָאל פָארְקוּמֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער פוּן אִינְמִיטְן חוֹדֶשׁ אָב.

**תשה**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן אַהֵיים קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי שְׁוֶוערֶע הוּסְט קְרֶענְק, אוּן וִוי נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם עֶרְשְׁטְן הוּס, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, "אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ גֵיי שְׁטַארְבְּן", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן ר' שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן.

**תשו**

מִיטְוָואךְ מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, זַיין קְרֶענְק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן שְׁוֶוערֶער אוּן שְׁוֶוערֶער, עֶס הָאט זִיךְ פַארְעֶרְגֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זִיךְ גְלַייךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים רֶבִּי"ן, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אִיבֶּער זֵייעֶר קְרֶענְק אוּן וִוי מְסוּכָּן עֶס אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְּחָדִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט הָאבְּן שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעהַאט, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז דִי נְשָׁמָה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּלִיבּ דִי שְׁרֶעק פוּן דִי קְלִיפּוֹת וְכוּ', נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט אִיר גֶעבְּן זֶעכְצִיג גִּבּוֹרִים צוּ בַּאשִׁיצְן, דָאס הֵייסְט זֶעכְצִיג נְשָׁמוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס זָאלְן זַיין אַרוּם אִים. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן זֶעכְצִיג תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גְאוֹנִים אוּן גָאר גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע צַדִּיקִים.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו, אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען נאכאמאל פון פריש מקבל צו זיין די תורה דעם יום טוב שבועות, מען האט זיך אויפגעפרישט מיט די פרייד אז מיר זענען אידישע קינדער, און אז מיר זענען זוכה צו טון דעם ווילן פונעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו, "ליל שבועות האבן מיר געזאגט אינאיינעם די תיקון, הויך אויפן קול, פסוק בפסוק, אויך האבן מיר געזינגען פרייליכע ניגונים. עס איז געווען זייער פרייליך, מען האט געטאנצן און געזינגען, געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען אידן און נישט קיין גוים. אויך ביי די תרי"ג מצוות האבן מיר נאך יעדע מצוה געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקיים די מצוות, אלע האבן אויסגעשריגן אויפן קול: "שכוח אייבערשטער מיר טוען די מצוה פון פריה ורביה", "שכוח אייבערשטער מיר טוען די מצוה פון מילה", "שכוח אייבערשטער מיר טוען די מצוה פון נישט עסן די גיד הנשה", און אזוי ווייטער."

ווען מען זאגט די תרי"ג מצות, זעט מען אז כמעט אלע מצוות זענען מיר זוכה מקיים צו זיין ברוך ה', און קוים געציילטע מצוות זענען דא מיט וואס מיר מוטשען זיך נאך, וואס מיר דארפן נאך ארבעטן אויף דעם, בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין אלע מצוות בשלימות ווי עס דארף צו זיין, אבער אין די זעלבע צייט טארן מיר נישט פארגעסן זיך צו פרייען מיט די מצוות וואס מיר זענען יא זוכה צו טון.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט, "דער עיקר זאלסטו זיך פרייען מיט דעם אז דו ביסט א איד, דו ביסט נישט קיין גוי, פון די שמחה קען מען נישט אראפפאלן. דער הייליגער צדיק הרב הקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זכותו יגן עלינו ברענגט אין זיין ספר פרי צדיק א מורא'דיגע מעשה (חג השבועות, אות יג) אז דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו פלעגט יעדן טאג זאגן די ברכות השחר הויך אויפן קול, איין טאג האט ער פארפעלט צו זאגן די ברכה "שלא עשני גוי", איז איינער צוגעגאנגען צו אים און געזאגט: "רבי, איר האט אויסגעלאזט א ברכה, די ברכה פון שלא עשני גוי", האט אים דער הייליגער קדושת לוי געזאגט: "איך האב שוין געמאכט היינט די ברכה! ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי בין איך געווען זייער צעבראכן ביי מיר, איך האב נישט געקענט טרעפן קיין שום זאך מיט וואס איך זאל זיך קענען מחי' ומחזק זיין, האב איך געטראכט צו מיר 'א איד בין איך דאך, איך בין נישט קיין גוי', און פון גרויס שמחה האב איך מיך נישט געקענט איינהאלטן, און איך האב גלייך געמאכט די ברכה 'שלא עשני גוי', מיט דעם האב איך זיך מחי' געווען."

"זיין פרייליך איז גאר א שווערע עבודה, מוהרא"ש זאגט עס איז גרינגער צו פאסטן משבת לשבת ווי צו זיין פרייליך, די איינציגסטע וועג זוכה זיין צו שמחה איז דורך תפילה, דורך בעטן דעם אייבערשטן, בעט, "הייליגער באשעפער העלף מיר, איך וויל זיין פרייליך, העלף מיר איך זאל האבן א שטארקע אמונה, איך זאל געדענקען אז אלעס ביסטו און דו ביסט אלעס, נישטא גארנישט אויסער דיר, דומם צומח חי מדבר, אלעס ביסטו"."

כאטש וואס א צעבראכן הארץ איז זייער חשוב ביים אייבערשטן, דארף מען אבער זייער אכטונג געבן נישט ארייצופאלן אין עצבות און מרה שחורה. א מענטש קען מיינען אז דאס וואס ער גייט ארום א גאנצן טאג צעבראכן איבער זיינע שלעכטע מעשים, איז א גוטע זאך, און ער כאפט נישט אז דער יצר הרע שפילט ארום מיט אים, ווייל אזוי קען ער אים אריינווארפן אין א יאוש אז ער וועט שוין נישט קענען זיין אן ערליכער איד.

דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז א איד זאל באשטימען איין צייט אין טאג וואס דעמאלט זאל זיך אויסרעדן צום אייבערשטן און תשובה טון אויף די שלעכטע זאכן וואס ער האט געטון, דעמאלט זאל ער אויסדערציילן דעם אייבערשטן אלעס וואס ער נישט געטון ווי עס דארף צו זיין, אבער די איבריגע טייל פון טאג זאל מען נאר זיין פרייליך, זיך פרייען אז מען איז א איד, זיך פרייען מיט די מצוות וואס טון, מיט דעם וואס מען גלייבט אינעם אייבערשטן, מיט די בארד און פיאות, מיט'ן היטן שבת ויום טוב, מיט היטן כשרות, מיט'ן קושן די מזוזה, מיט מאכן ברכות, מיט די טלית און תפלין, מיט'ן דאווענען די דריי תפלות, און אזוי ווייטער מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען איז זוכה אריינצוכאפן יעדן טאג.


## קענסט נאכאלץ

האסט שוין פרובירט אזויפיל מאל און עס האט זיך נישט אויסגעארבעט?
קענסט נאכאלץ מצליח זיין בעז"ה

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 2, 16**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**